וואס דער פירוש איז דעם איז: "כאשר הבוא", ד.ה. אז ס'איז א זיכערע זאך אז עס וועט זיין "תבוא אל הארץ", און דער "כי" גייט (ניט אויף "תבוא אל הארץ", נאר) אויף מצות ביכורים וואס שטייט דערנאך אין פסוק, וואס אין דערויף איז דא בחירת האדם צי ער וועט מקיים זיין די מצוה אדער ח"ו ניט, וואס דערפאר שטייט "כי",

און וויבאלד אז מצות ביכורים קומט צו אים ע"י בחירתו, האט ער אין דערויף דעם "קב שלו", און דעמולט גיט אים דער אויבערשטער ניט נאר די תשעה קבים נאר אויך די עשרה קבים.

משא"כ אויף "וירשתה" האט א איד קיין בחירה ניט, נאר גלייך ווען ער ווערט א יורש באלאנגט די זאך צו אים צי ער וויל יע צי ער וויל ניט,

און וויבאלד אז עס וועט זיין "והי' כי תבוא אל הארץ גו'" - וועט מען זיכער פראוועון דעם קומענדיקן הקהל אין ארץ הקודש, און מ'וועט הערן פון מלך המשיח קריאת התורה בביהמ"ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך".

"והקיצו ורננו שוכני עפר"[137], און "משה ואהרן עמהם"[138], און צוזאמען מיט זיי - אויך דער בעש"ט און דער אלטער רבי און די נשיאים ממלאי מקומו בתוכם.

וואס דאס וועט זיין בקרוב ממש אין אן אופן פון "מיד" וויבאלד אז עס וועט זיין "והי' כי תבוא אל הארץ", וואס "אין והי' אלא מיד" און "כל מקום שנאמר והי' אינו אלא שמחה",

אז "מיד" במדת בני אדם, וועט קומען די גאולה האמיתית והשלימה למטה מעשרה טפחים, ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

מב. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה היום הזה ה' אלקיך מצוך גו'.

* * *

מג. ס'איז דאך רגיל צו אפלערנען א פירוש רש"י פון פרשת השבוע, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר וואס איז פארבונדן מיט פרשתנו,

און אויך אן ענין אין פרקי אבות וואס מ'לערנט אין די "שבתות הקיץ", אין איינעם פון די צוויי פרקים וואס מ'לערנט היינטיקן שבת.

- אין -

---

137) ישעי' כו, יט. 138) דאה יומא ה, ב. תוד"ה אחד - פסחים קיד, ב.

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1060) 116115 הודפס מאוצר החכמה

אין פרשתנו קאפיטל כו אין דעם לעצטן פסוק, פסוק יט דער לעצטער פסוק אין דעם שיעור חומש פון יום השלישי שהוכפל בו כי טוב פון פ' הבוא שטייט (בהמשך לזה וואס עס שטייט אין דעם פסוק שלפנ"ז [139] "וה' האמירך היום להיות לו לעם סגולה גו'"): "ולהיותך עם קדוש לה' אלקיך כאשר דבר".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "ולהיותך עם קדוש כאשר דבר", און איז מפרש אז "כאשר דבר" מיינט דאס וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פריער [140] "והייתם לי קדושים".

דארף מען פארשטיין:

כמדובר כמ"פ אז פירוש רש"י איז בתכלית הדיוק, ביז אז ס'איז אויך בדיוק אויף וועלכע ווערטער פון פסוק ער שטעלט זיך,

די קשיא איז נאך שטארקער:

אין דעם פסוק גלייך פאר דערויף שטייט אויך דער לשון "כאשר דבר" ("וה' האמירך היום להיות לו לעם סגולה כאשר דבר לך") - רש"י איז אבער דארטן מעתיק נאר די ווערטער "כאשר דבר לך" און זאגט אז דאס איז וואס דער אויבערשטער האט געזאגט בא מ"ת [141] "והייתם לי סגולה",

און ס'איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י איז מעתיק פון פסוק נאר די ווערטער "כאשר דבר לך" און ניט (אויך) די ווערטער "להיות לו לעם סגולה" - ווארום רש"י איז מפרש נאר וואס די ווערטער "כאשר דבר לך" מיינען, משא"כ אין די ווערטער "להיות לו לעם סגולה" גיט רש"י גארניט צו בפירושו.

איז ממה-נפשך: וויבאלד אז רש"י איז מעתיק אין דעם ערשטן פסוק נאר די ווערטער "כאשר דבר לך" (דערפאר וואס נאר די ווערטער איז ער מפרש און ניט די ווערטער "להיות לו לעם סגולה") - האט ער אויך אין דעם צווייטן פסוק געדארפט מעתיק זיין נאר די ווערטער "כאשר דבר" און ניט (אויך) די ווערטער "ולהיותך עם קדוש", וויבאלד אז אויך דא גיט רש"י לכאורה גארניט צו בפירושו אין די ווערטער "ולהיותך עם קדוש", ער איז מערניט ווי מפרש וואס דער "כאשר דבר" מיינט;

און אויב רש"י וויל (מאיזה סיבה שתהי') מעתיק זיין אויך די ווערטער אויף וואס דער "כאשר דבר" גייט - האט ער דאס געדארפט טאן אויך אין דעם ערשטן פסוק?

עס זיינען דא כמה וואס שפארן זיך צי אויך דאס וואס רש"י איז מעתיק פון פסוק איז מדויק אדער ניט - פון פרש"י

- הנ"ל -

---

139) פסוק יח. 140) קדושים כ, כו. 141) יתרו יט, ה.

 הנחה הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק 116115 (עמוד 1061) הודפס מאוצר החכמה

הנ"ל בפרשהנו אבער, וואו מ'געפינט א שינוי פון וואס רש"י איז מעתיק אין אייך פסוק מיט דעם וואס ער איז מעתיק גלייך אין א פסוק שלאח"ז - איז פארשטאנדיק אז דאס איז זיכער מדויק, ובמכ"ש דערפון וואס אפילו אויב א מפרש קטן וואלט אזוי משנה געווען וואלט מען פארשטאנען אז דאס איז מדויק, און ניט א שינוי וטעות פון דעם "בחור הזעצער".

מד. איך דארף מען פארשטיין:

א) גלייך נאך דעם פסוק וואו עס שטייט "והייתם לי סגולה" (וואס רש"י ברענגט אויף דעם וואס עס שטייט דא "להיות לו לעם סגולה כאשר דבר לך") שטייט[142]: "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש",

און וויבאלד רש"י ברענגט דעם פסוק "והייתם לי סגולה" אויף דעם וואס עס שטייט "כאשר דבר לך" בנוגע צו "להיות לו לעם סגולה" - איז בשעת עס קומט א פסוק גלייך נאך דערויף און עס שטייט "ולהיותך עם קדוש כאשר דבר", האט רש"י געדארפט ברענגען (ווי מפרשי החומש[143] ברענגען טאקע) אז דער "כאשר דבר" מיינט דאס וואס עס שטייט בהמשך צו "והייתם לי סגולה" - "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש"?

ב) אויב רש"י וויל ניט (מאיזה סיבה שתהי') זאגן אז "ולהיותך עם קדוש כאשר דבר" מיינט דעם פסוק "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" - זיינען דאך דא כמה פסוקים פאר דעם פסוק וואס רש"י ברענגט ("והייתם לי קדושים" וואס שטייט אין סוף פ' קדושים), וואו עס שטייט שוין אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז אידן זיינען אן עם קדוש:

אין פ' שמיני שטייט[144] "והתקדשתם והייתם קדושים גו'", און דערנאך ווידער אמאל[145] "והייתם קדושים". דערנאך אין ריש פ' קדושים שטייט[146] "קדושים תהיו גו'" -

היינט פארוואס ברענגט רש"י א פסוק ערשט פון סוף פרשת קדושים?!

וכמדובר כמ"פ אז די דיוקים דארפן זיין פארשטאנדיק אין פשוטו של מקרא פאר א בן חמש למקרא, און רש"י פארלאזט זיך ניט אז דער בן חמש למקרא וועט גיין זוכן דעם פירוש אין מפרשי רש"י, ובפרט אז אלע מפרשי רש"י על פסוק זה (וואס איך האב געזעהן) שטעלן זיך בכלל ניט אויף די פסוקים,

וכפי שיתבאר לקמן, און פון דעם ביאור בזה וועט מען זעהן דעם תכלית הדיוק אין פירוש רש"י.

- מה. -

----

142) שם, ו. 143) ראה אוה"ת עה"פ. 144) יא, מד. 145) שם, מה. 146) יט, ב.

שיחות קודש - תשמ"ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1062) 116115 הודפס מאוצר החכמה

כא. דער ביאור אין פירוש רש"י:

דער בן חמש למקרא לערנט דאך הוכח כדבעי, איז ער אין דערויף אויך מדייק כדבעי.

עד"ז ווען ער לערנט די פסוקים בפרשהנו, איז ער מדייק אז אין דעם ערשטן פסוק שטייט "להיות לו לעם סגולה כאשר דבר לך", און אין דעם צווייטן פסוק שטייט "ולהיותך עם קדוש לה' אלקיך כאשר דבר", אן דעם ווארט "לך".

נאך א זאך וואס ער איז מדייק:

"להיות לו לעם סגולה" און "להיותך עם קדוש" רעדן לכאורה וועגן דעם זעלבן ענין, וועגן דעם "עם" אליין, אז ער איז אן "עם סגולה" און אן "עם קדוש" - האבן די צוויי ענינים געדארפט שטיין בהמשך זה לזה;

בפועל זעט מען אבער אז די תורה איז זיי מפרט אין צוויי באזונדערע פסוקים, און איז מפסיק ביניהם מיט גאר אן אנדער ענין - "ולתתך עליון על כל הגוים גו'", ניט אן ענין וואס רעדט וועגן דעם עם אליין, נאר וועגן דעם יחס פון דעם עם צו גוים.

דער דיוק ווערט נאכמער: אין פ' יתרו בא מ"ת שטייט "והייתם לי סגולה גו'" און גלייך בהמשך לזה שטייט "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש", וואס דערפון זעט מען אז די צוויי ענינים (אז דער עם איז אן עם סגולה און אן עם קדוש) גייען צוזאמען - און אעפ"כ איז אין פרשתנו צוטיילט מען זיי און מ'איז מפסיק ביניהם מיט אן אנדער ענין.

סב. וואס דאס גופא איז דער "שליסל" צו פארשטיין פרש"י:

"להיות לו לעם סגולה" און "להיותך עם קדוש" (אין פרשתנו) זיינען שוין צוויי באזונדערע ענינים וואס האבן קיין שייכות ניט צווישן זיך (ניט ודי אין פ' יתרו וואו "והייתם לי סגולה גו'" און "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" זיינען פארבונדן זב"ז), און דערפאר שטייען זיי אין צוויי באזונדערע פסוקים מיט א הפסק ביניהם (ניט ווי אין פ' יתרו וואס דארטן שטייען ביידע ענינים בהמשך זל"ז).

וואס דאס איז מדגיש פארוואס רש"י קען ניט ברענגען דעם פסוק "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (וואס קומט בהמשך צו דעם פסוק "והייתם לי סגולה" וואס רש"י ברענגט אויף "להיות לו לעם סגולה") אויף "להיותך עם קדוש" - ווארום "להיותך עם קדוש" האט קיין שייכות ניט מיט "להיות לו לעם סגולה", משא"כ "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (בפ' יתרו) האט א שייכות מיט "והייתם לי סגולה"

- סג. -

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1074) 116115 הודפס מאוצר החכמה

סג. און דער חילוק צווישן "להיות לו לעם סגולה" מיט "להיותך עם קדוש" (וואס דערפאר קען רש"י ניט ברענגען דעם פסוק "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" אויף "להיותך עם סגולה") - ליגט אין דעם וואס בא "להיות לו לעם סגולה" שטייט "כאשר דבר לך", משא"כ בא "להיותך עם קדוש" שטייט נאר "כאשר דבר", אן דעם ווארט "לך",

[וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י איז מעתיק (פון דעם ערשטן פסוק) אויך דעם ווארט "לך"]:

רש"י האט פריער[187] געזאגט א כלל, אז "כל לך ולי ולו ולכם ולהם הסמוכים לדיבור (ש)כולם לשון על הם". ד.ה. אז "לך" וואס שטייט בהמשך צו א דיבור מיינט ניט "צו דיר" [ווארום כל התורה כולה רעדט דאך צו אידן], נאר "וועגן דיר"

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו "(וה' האמירך היום) להיות לו לעם סגולה כאשר דבר לך": וויבאלד אז עס שטייט "כאשר דבר לך" איז פארשטאנדיק אז "להיות לו לעם סגולה" איז אן ענין וואס דער אויבערשטער רעדט וועגן אידן, ד.ה. אז דאס איז א הבטחה אדער א פעולה מלמעלה אז אידן וועלן זיין אן "עם סגולה",

און דערפאר דארף רש"י זוכן א פסוק פריער וואו דער אויבערשטער האט גערעדט וועגן אידן אז זיי וועלן זיין אן עם סגולה - געפינט עס רש"י אין פ' יהרו, בא מ"ת, וואס דארטן האט דער אויבערשטער געזאגט "והייתם לי סגולה", וואס דאס איז אן ענין וואס דער אויבערשטער רעדט וועגן אידן, אז "והייתם לי סגולה", זיי וועלן זיין דעם אויבערשטן'ס סגולה.

משא"כ בא "להיותך עם קדוש" שטייט נאר "כאשר דבר", אן דעם ווארט "לך", וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז "להיותך עם קדוש" איז ניט אן ענין וואס דער אויבערשטער רעדט וועגן אידן (אז ער גיט א הבטחה אדער ער טוט א פעולה מלמעלה ביחס צו אידן) - נאר דאס איז א ציווי צו אידן,

ד.ה. אז דער ענין פון "להיותך עם קדוש" איז ניט תלוי אין דעם אויבערשטן'ס הבטחה אדער פעולה מלמעלה, נאר אין אידן, און במילא ווייסט מען ניט ביז שפעטער צי אידן האבן טאקע מקיים געווען דעם ציווי אדער ניט.

[וואס דער ענין צי אידן וועלן מקיים זיין דעם ציווי אז זיי זאלן זיין קדושים אדער ניט, איז תלוי נאר אין זיי - ווי דער בן חבש למקרא האט שוין געלערנט פריער, אין פ' ראה[188]: "ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה

- אשר -

---

187) עה"פ שמות ד, טז. 188) יא, כו-כז.

הנהה הת' בלתי מוגה 1046

אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם אשר אנכי מצוה אתכם היום וגו'", ועוד].

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק דער דיוק וואס שטייט דא "להיותך עם קדוש", ניט ווי עס שטייט פריער "להיות לו לעם סגולה": "להיותך עם קדוש" איז א ציווי פון דעם אויבערשטן צו אידן, אז אידן זאלן זיין אן "עם קדוש", דערפאר שטייט "להיותך עם קדוש"; משא"כ "להיות לו לעם סגולה" איז א הבטחה פון דעם אויבערשטן וועגן אידן.

סד. וויבאלד אז "להיותך עם קדוש" איז א ציווי (ניט קיין הבטחה ווי "להיות לו לעם סגולה"), קען רש"י ניט ברענגען אויף דעם וואס עס שטייט דא "כאשר דבר" דעם פסוק "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (וואס שטייט בהמשך צו "והייתם לי סגולה") - ווארום דער פסוק איז ניט קיין ציווי פון דעם אויבערשטן, נאר א הבטחה זיינע (אזוי ווי דער פסוק שלפנ"ז "והייתם לי סגולה").

מוז רש"י זוכן א צווייטן פסוק וואו דער אויבערשטער האט געזאגט אידן א ציווי אז זיי זאלן זיין אן "עם קדוש" - געפינט רש"י דעם פסוק אין סוף פ' קדושים, וואס דארטן שטייט "והייתם לי קדושים", וואס דאס איז א ציווי צו אידן אז זיי זאלן זיין קדושים.

סה. ס'איז נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק (ווי געפרעגט פריער): אין פ' שמיני און אין ריש פ' קדושים געפינט מען שוין א ציווי צו אידן אז זיי זאלן זיין קדושים - היינט פארוואס ברענגט רש"י א פסוק וואס שטייט ערשט אין סוף פ' קדושים?

איז דער ביאור בזה, אז אין אונזער פסוק קומט צו נאך א דיוק:

דער פסוק זאגט "להיותך עם קדוש", ד.ה. אז דאס איז א ציווי ניט אויף יעדער אידן אלס א יחיד, נאר אויף דעם גאנצן עם, אז זיי זאלן זיין אן "עם קדוש".

דער ציווי וואס שטייט אבער אין פ' שמיני, "והתקדשתם והייתם קדושים" - רעדט זיך ניט וועגן אלע אידן אלס אן עם, נאר וועגן יעדער אידן אלס א יחיד.

ועד"ז דער ציווי אין ריש פ' קדושים "קדושים תהיו", איז א ציווי צו יעדן אידן אלס א יחיד - ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס עס שטייט אין דעם פסוק נאך דערויף, "איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו", וואס דאס איז דאך זיכער א ציווי צו יעדן אידן אלס א יחיד;

משא"כ דער פסוק וואס שטייט אין סוף פ' קדושים,

- "והייתם -

שיחות קודש - תשמ"ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1076) 116115 הודפס מאוצר החכמה

"והייתם לי קדושים", איז א ציווי צו אידן אלס אן עם, ווי פארשטאנדיק דערפון וואס דארטן סיי אין דעם פסוק פאר "והייתם לי קדושים" און סיי אין דעם פסוק נאך דערויף (רעדט זיך) וועגן אידן אלס אן עם.

און דערפאר ווען עס קומט צו אפטייטשן "ולהיותך עם קדוש . . כאשר דבר", וואס אויך דא איז די הדגשה אויף דעם עם - ברענגט רש"י דעם פסוק פון סוף פ' קדושים דוקא, וואו עס רעדט זיך וועגן דעם עם.

עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י איז מעתיק פון פסוק (ניט נאר די ווערטער "כאשר דבר" (ווי אין דעם פסוק פאר דערויף), נאר) אויך די ווערטער "ולהיותך עם קדוש - ווארום ער וויל מדגיש זיין אז דא איז א ציווי אויף דעם עם, און דערפאר ברענגט ער דעם פסוק פון סוף פ' קדושים.

סו. דערפון זעט מען דעם פארבונד פון יעדער יחיד צווישן אידן מיט דעם גאנצן עם:

דער פסוק הויבט אן מיט "היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החקים האלה גו'", וואס אלע חוקי התורה זיינען דאך אנגעזאגט געווארן אויך צו יעדן אידן אלס יחיד,

ואדרבה - רוב מצוות זיינען אנגעזאגט געווארן נאר צו יעדן אידן אלס יחיד, ווי מ'זעט אז די עשרת הדברות זיינען אלע געזאגט געווארן בלשון יחיד - "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך גו', לא יהי' לך גו'" (כנ"ל ס"כ).

דערנאך זאגט דער פסוק אז דער אויבערשטער זאגט אידן "ולהיותך עם קדוש", וואס דאס איז א ציווי צו אידן אלס אן עם.

ס'איז אבער פארשטאנדיק בפשטות, אז "היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החקים האלה גו'" האט א פארבונד מיט "להיותך עם קדוש" - ווארום ווי ווערט דער עם אן "עם קדוש" איז דאס דוקא דורך דערויף וואס יעדער יחיד ווערט קדוש.

וואס דאס איז מדגיש דעם פארבונד פון דעם יחיד מיט דעם עם, אז יעדער יחיד קען פועל זיין אין דעם עם, ביז - פועל זיין אין כל העולם כולו, ווי דער רמב"ם[189] זאגט אז דורך א "מצוה אחת" (א מעשה אחד, א דיבור אחד, אדער א מחשבה אחת), קען א איד מכריע זיין "את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות. וגרם לו ולהם תשועה והצלה",

ביז צו דער ישועה עיקרית - די גאולה האמיתית והשלימה

- סז. -

---

189) הל' תשובה פ"ג ה"ד.

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1077) 116115 הודפס מאוצר החכמה

כז. דערנאך קומט צו נאך א זאך וואס שטייט אין די פסוקים: "ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה".

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם וואס עס שטייט אין היינטיקער הפטורה[190], אז לע"ל וועט מען זעהן בגלוי די מעלה פון אידן אויף גוים, און אז גוים דינען אידן:

"קומי אורי כי בא אורך וכבוד ה' עליך זרח", ביז אז אפילו ווען "החושך יכסה ארץ וערפל לאומים", איז אבער "עליך יזרח ה' וגו'" - א איד וועט באלייכטן זיך און די וועלט ארום אים, "והלכו גוים לאורך ומלכים לנוגה זרחך",

און מ'וועט זעהן ווי די גוים דינען אידן: דער וועט לויפן ברענגען א אידן ("בניך מרחוק יבואו ובנותיך על צד תאמנה"), דער וועט לויפן ברענגען א מנחה, דער וועט ברענגען "כספם וזהבם" וכו',

דערנאך איז ער ממשיך: "הגוי והממלכה אשר לא יעבדוך יאבדו והגוים חרוב יחרבו", וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק: מ'געפינט ערגעץ ניט אז איינע פון די שבע מצוות בני נח איז, אז א בן-נח דארף דינען א אידן - איז פארוואס וועט זיין "יאבדו" אויב "לא יעבדוך"?

איז די הסברה בזה, אז כל מציאותם פון גוים איז בשביל ישראל[191], און דערפאר איז דוקא ווען זיי דינען אידן באוועכטיקט דאס זייער מציאות, ובמילא איז אויב זיי פידן ניט אוים זייער תכלית צוליב וואס זיי זיינען א מציאות - ווערן זיי בדרך ממילא אוים מציאות, "יאבדו".

כח. דאס איז אויך דער ביאור אין א דבר המוה וואס מ'געפינט בקשר מיט די שבע מצוות ב"נ (ווי גערעדט כמ"פ[192]):

בא אידן דארפן דאך די מצוות זיין א סך מער חמור ווי בא די גוים די שבע מצוות ב"נ - וואדום אידן זיינען געשטאנען בא מ"ת בהר סיני, און זיי האבן געזעהן נסים ונפלאות, און בא זיי איז געווען דער "לקחת לו גוי מקרב גוי"[193] מיט נאך כו"כ ענינים.

בפועל זעט מען אבער, אז ווען א איד איז עובר אויף אן עבירה, דארף פריער זיין התראה, און דערנאך קומט דער עונש מלקוה, אדער אן עונש ממון, און ערשט דערנאך איז דא אן עונש פון היפך החיים,

[ביז אז אויב א ב"ד האט איינעם מעניש געווען מיט

- היפך -
----

190) מישעי' קאפיטל ס. 191) ראה פרש"י ר"פ בראשית. 192) לקו"ש ח"ה ע' 159 ואילך. חט"ו ע' 150. 193) ואתחנן ד, לד.

הנחת הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ"ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1078) 116115 הודפס מאוצר החכמה

היפך החיים איין מאל במשך זיבן יאר - הויבט מען אויף א גאנצן שטורעם, און מ'זאגט אז דאס איז א ב"ד ניט ווי עס דארף צו זיין[194],

ביז אז ס'איז דא א דעה[195] אז אויב דער ב"ד האט מעניש געווען מיט היפך החיים איין מאל אין זיבעציק יאר - איז דאס א ב"ד שלא כדבעי!;

מכ"ש א ב"נ וואס איז עובר אויף איינע פון די שבע מצוות - איז מען אים גלייך ממעניש מיט היפך החיים[196]?!

איז דער ביאור בזה:

וויבאלד אז די גאנצע מציאות פון א גוי איז באשאפן געווארן נאר צוליב מקיים זיין די שבע מצוה, איז דאך די שליחות זיינע (אויף וואס ער איז באשאפן געווארן) זיין גאנצע מציאות - דערפאר איז אויב ער פירט ניט אויס זיין שליחות איז דאס היפך זיין מציאות, במילא ווערט ער אויס מציאות; דאס איז ניט קיין עונש סגולי, דאס איז טבע הבריאה.

סט. וואס דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס מ'זעט בעולם אז בעלי-חיים זיינען ניט קיין נצחיים, און במשך הזמן ווערן זיי אויס מציאות, ועד"ז דער סוג הצומח (אילנות וכו') ווערן מיט דער צייט צעוויאניעט; ווען עס קומט חורף פאלן פון אן אילן אראפ די בלעטלעך וכו',

ובלשון פון הורה הבעש"ט הידועה (ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר ברענגט[197]), אז דאס וואס א בלעטל פאלט אראפ פון אן אילן און קייקלט זיך אין גאס איז אויך בהשגח"פ, וואס במשך הזמן ווערט דאך די בלעטל געל און צעוויאניעט פון דעם קייקלען זיך.

וואס לכאורה איז דאס צריך ביאור: וויבאלד אז דער בעל-חי ועד"ז דער אילן און די בלעטל זיינען באשאפן געווארן צוליב א געוויסן הפקיד - איז פארוואס ווערן זיי דערנאך אויס מציאות?

איז דער ביאור בזה, אז די זאכן זיינען מלכתחלה באשאפן געווארן פאר א זמן מסוים ביז זיי וועלן אויספירן זייער הפקיד און שליחות, און ווען זיי זיינען טאקע ממלא הפקידם ושליחותם - ווערן זיי אויס מציאות, און דאס איז עלייתם.

ע. עד"ז איז אויך בנוגע צו גוים: כל זמן א גוי איז ממלא

- שליחותו -

----

194) מכות ז, א. 195) שם. 196) ראה סנהדרין נח, ב. רמב"ם הל' מלכים ספ"ט. 197) ראה כש"ט הוספות אות קיט ואילך. ושנ.

הנחה הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ"ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1079) 116115 הודפס מאוצר החכמה

שליהותו בעולם, צו מקיים זיין די שבע מצוות און (דורך דערויף) דינען אידן - בלייבט ער א מציאות; בשעת ער טוט עס אבער ניט - ווערט ער גלייך אוים מציאות.

און וויבאלד אז לע"ל וועט דער אמיתית המציאות פון אלע ענינים זיין בגילוי, "ונגלה כבוד ה' גו'"[198] - דערפאר וועט מען דעמולט זעהן בגלוי אז כל מציאותם פון גוים איז בשביל ישראל, ווי ער דערציילט אין דער הפטורה,

און "הגוי אשר לא יעבדוך", דער גוי וואס וועט ניט טאן שליחותו צו דינען אידן, איז אפילו אויב ער איז ניט שולדיק אין דעם, ער האט דאס ניט געקענט טאן - אעפ"כ איז "יאבדו", ער ווערט אוים מציאוה, ע"ד ווי די בלעטל נאך דערויף וואס זי האט ממלא געווען הפקידה ושליהותה.

עא. דאס איז אלץ גערעדט געווארן בנוגע צו גוים; בנוגע צו אידן אבער זאגט דער אויבערשטער "ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה": אידן זיינען העכער פאר אלע גוים,

און ווי רש"י זאגט אויף "האמדת והאמירך" (וואס "ולתתך עליון על כל הגוים" קומט בהמשך לזה), אז דאס איז "לשון הפרשה והבדלה" - אידן זיינען מופרש און מובדל פון אלע פעלקער, ד.ה. אז זיי זיינען אין אן אנדער סוג בכלל, און זיי זיינען מרומם ומנושא פון אלע גוים, וואס דערפאר איז אפילו דער עקב פון א אידן איז העכער פאר דעם ראש פון א גוי.

לפ"ז ווערט אבער א שאלה: ווי קען מען זאגן "ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה", ד.ה. אז דער אויבערשטער האט בוחר געווען אז אידן זאלן זיין "עליון על כל הגוים" - אידן זיינען דאך אין אן אנדער סוג וואס איז מרומם ומנושא פון אלע גוים - האט דאך דער אויבערשטער כביכול קיין ברירה ניט געהאט?

איז דער ביאור בזה, אז דאס גופא וואס אידן זיינען אין אן אנדער סוג פון גוים, איז ניט דערפאר וואס "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה"[199], נאר "ה' אלקיך . הוא הנותן לך כח לעשות חיל"[200]:

עב. וואס דערפאר דארף דער ענין פון "ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה" ניט ארויסברענגען א הרגש פון גאוה ביי א אידן, ווארום דאס האט דער אויבערשטער געטאן ("לתתך"),

- און -

---

198) ישעי' מ, ה. 199) ל' הכתוב - עקב ח, יז. וראה סמ"ג בל"ת סד. 200) ל' הכתוב - שם, יח.

הנחת הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1080) 116115 הודפס מאוצר החכמה

און ס'איז דא דער ענין פון "דינא דמלכותא דינא"[201], און "קבל האמת ממי שאומרו"[202], אפילו פון א גוי, ווארום אויך זיי האבן מעלות,

ואדרבה - בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט (איך פ' יהרו בא מ"ה) "והייתם לי סגולה מכל העמים" האט ער גלייך צוגעגעבן דעם טעם אויף דערויף - "כי לי כל הארץ", ד.ה. אז כ'זאל ניט מיינען אז דער אויבערשטער האט קיינעם ניט און דערפאר קלייבט ער אויס אידן, נאר "לי כל הארץ", ער האט אלע גוים[203],

וואס דערפאר דארף דער ענין פון "ולהתך עליון על כל הגוים אשר עשה" ניט ארויסברענגען א הרגש פון גאוה ביי א אידן - דאס דארף אבער ארויסברענגען ביי א אידן אז ער זאל וויסן די אחריות און תפקיד וואס ער האט.

ביחד עם זה דארף ער אבער אויך וויסן אז ער האט ניט פון וואס צו נתפעל ווערן פון גוים, ווארום דער אויבערשטער האט אים אויסגעקליבן ער זאל זיין א "סגולה מכל העמים", און "עליון על כל הגוים", און בכל יום ווען א איד שטייט-אויף וואס דעמולט איז ער א "ברי' חדשה"[204], מאכט ער די ברכה "שלא עשני גוי",

וואס דאס מאכט ער בכל יום ויום אפילו נאך דערויף וואס ער האט אזוי פיל יארן מקיים געווען הומ"צ - ווארום דער אויבערשטער איז דער וואס האט אים ניט געמאכט פאר קיין גוי, "שלא עשני גוי", במילא דארף ער אלעמאל בענטשן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט אים געמאכט פאר א "סגולה מכל העמים", "להיות לו לעם סגולה".

עב. און ווי רש"י טייטשט אפ איך פ' יהרו (וואס דערפאר דארף ער דאס ניט זאגן נאכאמאל בפרשתנו), אז "סגולה" מיינט: "אוצר חביב כמו וסגולת מלכים[205], כלי יקר ואבנים טובות שהמלכים גונזים אותם". און דערצו גלייכט מען צו אידן, "כך אתם תהיו לי סגולה משאר אומות".

וואס וויבאלד אז דאס איז א משל (אויף אידן) וואס שטייט אין תורה, דארף דאס זיין בתכלית הדיוק. דארף מען פארשטיין:

דאס וואס רש"י זאגט אז "סגולה" איז אן "אוצר חביב . .

- כלי -

----

201) גיטין י, ב. וש"נ. 202) ראה רמב"ם בהקדמתו לאבות (שמונה פרקים). הרמ"א בהקדמתו לספרו מחיר יין. 203) ראה פרש"י עה"פ שם. 204) שו"ע אדה"ז או"ה מהדו"ב ס"ד ס"א. 205) ל' הכתוב - קהלה ב, ח.

הנחה הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1081) 116115 הודפס מאוצר החכמה

כלי יקר ואבנים טובות שהמלכים גונזים אותם" איז ע"ד ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מבאר אין דעם המשך ההילולא[206], אז בא דעם מלך זיינען פאראן "סגולות האוצרות דהון יקר הנאסף והנקבץ במשך כמה שנים מדור אחר דור ואשר מעולם לא השתמש מזה לשום דבר, וכמום וחתום מעין כל רואה", און בשעת עס קומט צו א מלחמה איז צוליב נצחון המלחמה איז ער מבזבז כל האוצרות.

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק:

וואס פאר א פעולה טוען אויף די אוצרות בשעת די מלכים באהאלטן זיי, ביז אין אן אופן אז זיי זיינען "כמום וחתום מעין כל רואה"?

בשעת מ'לייגט אריין די אבנים טובות אין דעם כתר אדער טבעת המלך - גיט עס צו אין הדר מלכותו (ווארום א כתר איז א חלק פון הדרת המלך[207]); בשעת אבער ער באהאלט דאס אז קיינער זאל דאס ניט זעהן, איז ניט פארשטאנדיק וואס פאר א תפקיד האט דאס דעמולט, ווארום דער יופי דערפון זעט קיינער ניט, וויבאלד אז דער מלך האט עס באהאלטן.

און דאס וואס בשעת א מלחמה איז ער מבזבז די אוצרות - איז דאס ניט קיין תפקיד פון די אוצרות, נאר אדרבה - דאס איז גאר אן ענין פון בזבוז צוליב נצחון המלחמה -

האט דאך דער מלך געדארפט באהאלטן אנדערע זאכן וואס תפקידם איז ניט דער ענין היופי, אבער ניט די ענינים, וואס בשעת מ'באהאלט זיי האבן זיי לכאורה קיין תפקיד ניט.

עד. איז דער ביאור בזה:

עס זיינען דא אבנים טובות און אוצרות וואס זיינען במיוחד אויף אריינשטעלן אין דעם כתר המלך בכדי צו מוסיף זיין אין הדרת המלך;

עס זיינען אבער אויך דא אוצרות וואס זייער תפקיד איז ניט אז מ'זאל זעהן זייער יופי, זיי זיינען ניט קיין אמצעי פאר א צווייטע זאך, נאר זיי זיינען א זאך פאר זיך אליין.

עה. וואס עד"ז איז פארשטאנדיק אין דעם נמשל - בנוגע צו אידן, דער "עם סגולה":

"את ה' האמרת היום להיות לך לאלקים" איז דאך דער

- ענין -

---

206) באתי לגני ה'שי"ת פי"א. וראה גם שם פי"ז ופי"ט.
207) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ב ה"ה.

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק 116115 (עמוד 1082) הודפס מאוצר החכמה

ענין פון הכתרה, דער ענין פון "המליכוני עליכם"[208], וואס אידן זיינען מכתיר דעם אויבערשטן אז ער זאל זיין זייער מלך,

און "ה' האמירך היום להיות לו לעם סגולה" איז דער ענין פון "במי[209] נמלך בנשמותיהן של צדיקים", אז דער אויבערשטער נעמט-אן דאס וואס אידן האבן אים מכתיר געווען אלס א מלך, און ער קלייבט זיי אויס צו זיין זיין "עם סגולה".

שטעלט זיך דא די שאלה:

דערפון וואס מ'זאגט "במי נמלך בנשמותיהן של צדיקים" איז א ראי' אז אידן זיינען שוין דארטן געווען פון פריער, און דערנאך האט דער אויבערשטער מיט זיי נמלך געווען - וואס לכאורה וואס האבן זיי דארטן געטאן פון פריער, וואס איז דארטן זייער תפקיד?!

איז דער פירוש אין דעם - אז אין יענער דרגא (פאר "במי נמלך") דארפן אידן גארניט טאן, ווארום זיי זיינען ער אליין, זיי זיינען "הוא" - עצמות ומהות אליין!

און ווי דער מגיד שרייבט בספרו[210], אז אידן זיינען חקוק בעצמותו (במחשבתו פון דעם אויבערשטן) נאך פאר דעם "במי נמלך", ע"ד ווי צורת הבן איז חקוק אין מוח האב,

דערנאך ווערט דאס טאקע נמשך אין "נעשה אדם בצלמינו כדמותינו", אויף מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים, אבער פאר דערויף איז ער איין זאך מיט עצמוה, און דארטן פירט ער אודאי אויך דורך א שליחות - די שליחות פון זיין שעשועים לפניו ית', און דאס אליין איז זיין תפקיד און שליחות, ניט אז איינער דארף אים זעהן וכיו"ב, נאר אז ער זאל זיין מיט דעם מלך אליין, "נעלמה מעיני כל חי", און דאס גופא איז זיין מציאות.

און דאס גייט אויף כל ישראל, ווארום כל ישראל איז "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר"[211], וואס "מעשה ידי" באווייזט אז ער איז איין זאך מיט דעם אויבערשטן, און "להתפאר" איז דער ענין פון שעשועים לפניו.

וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו תורה, וואס "זאת התורה אדם"[212]: די תורה איז "שעשועים גו' לפניו"[213] און "נעלמה

- מעיני -

---

208) ר"ה טז, א. לד, ב. וראה אוה"ת פרשתנו ס"ע ההרנט. 209) ב"ר פ"ח, ז. רות רבה רפ"ב. 210) או"ה (הוצאת קה"ת) ב, ג. וראה הבסך הער"ב ח"ב ס"ע התקב ואילך. 211) ישעי' ס, כא. סנהדרין צ, א. 212) חקת יט, יד. וראה סד"ה כשבני (הא') הש"א. 213) משלי ה, ל.

הנחה הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשמ ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1083) 116115 הודפס מאוצר החכמה

מעיני כל חי"[214], ע"ד ווי דער ענין פון "ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה".

און די אלע דריי, דער אויבערשטער, תורה און אידן זיינען איין זאך - "קוב"ה אורייתא וישראל כולא חד"[215].

און אע"פ אז יעדער איד איז נאר א חלק פון עצמות (ווארום ער איז נאר איין איד און ניט אלע אידן) - איז דאך אבער ידוע מאמר הבעש"ט[216] (און אמאל ברענגט זיך דאס בשם פון בעש"ט בשם הרס"ג), אז "כשאתה תופס במקצת (אדער בחלק[217]) מן העצם אתה תופס בכולו", וואס דערפאר איז אפילו אויב א איד איז נאר א "חלק" אדער א "מקצת" פון עצמות איז ער "תופס בכולו".

עו. דער עיקר איז דאך דער מעשה בפועל, ווארום "המעשה הוא העיקר":

המבואר לעיל איז מדגיש אויף וויפל עס דארף זיין אהבת ישראל צו יעדן אידן, וויבאלד אז יעדער איד איז א חלק פון דעם "עם סגולה" פון דעם אויבערשטן, מיט די אלע פרטים המדוברים לעיל.

און ס'איז דאך ידוע די אהבת ישראל וואס דער בעש"ט האט געהאט פאר יעדן אידן, און ווי ער האט געמאנט אז אנדערע זאלן דאס אויך האבן, ביז אויף די אהבת ישראל וואס דער אלטער רבי האט געהאט און געמאנט, און אזוי אויך די נשיאים ממלאי מקומו, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר,

וואס ער האט מפרסם געווען דעם ענין פון אהבת ישראל בבל העולם כולו, אין דעם "מבצע אהבת ישראל",

און פון "מבצע אהבת ישראל", קומט מען צו "מבצע חינוך", "מבצע תורה", "מבצע תפילין", "מבצע מזוזה", "מבצע צדקה", "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי'", "מבצע נרות שבת קודש", "מבצע כשרות האכו"ש", "מבצע טהרת המשפחה", און דער ענין פון "מיהו יהודי", און דער ענין פון ארץ ישראל לגבולותי', אז מ'זאל ניט אפגעבן אף-שעל פון ארץ ישראל, "ארץ טובה ורחבה . . ארץ זבת חלב ודבש"[218],

און מבטל זיין דעם "יצרו אנסו" וואס איז דא ביי א איד וואס דורך דעריף ווערט אויך "יצרו אנסו" ביי א גוי, אז ער זאל ניט זיין ווי ער דארף זיין,

- ואדרבה -

---

214) איוב כח, כא. 215) ראה זח"ג עג, א. 216) המשך תרס"ו ע' תקכב. ובכ"מ. 217) ראה סה"ש תש"א ע' 32 הע' 19 (מתוי"י פ' יתרו מצות אנכי). 218) שמות ג, ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

שיחות קודש - תשם ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1084) 116115 הודפס מאוצר החכמה

ואדרבה - דאס וואס מ'האט יע אפגעגעבן זאל מען צוריק אומקערן, ביז אז עס וועט בקרוב ממש זיין דער "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[219], אז מ'וועט אויך באקומען ארץ קיני קניזי וקדמוני[220] (ככדובר כמ"פ),

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

עז. דער ביאור אין דעם וואס אויך "אתם נצבים היום" גייט אויף ר"ה, כאטש אז עס שטייט נאר "היום" און ניט "היום הזה"

מ'האט פריער גערעדט (סנ"א) אז ר"ה איז די בחי' פון "זה", און כ"ה אלול איז די בחי' פון "כה", און דערפאר גייט "היום <u>הזה</u>" אויף ר"ה.

דערפון איז פארשטאנדיק אז "היום" (סתם, אן דעםווארט "הזה") איז דאס ע"ר ווי די בחי' פון "כה".

וואס דאס, אז די צוויי בחינות, "כה" ("היום") און "זה" ("היום הזה"), זיינען כ"ה אלול און ר"ה - איז בכללות אבער בפרטיות איז אין ר"ה גופא פאראן ביידע ענינים.

דער ביאור בזה וועט מען פארשטיין דערפון וואס ער איז מבאר אין דעם המשך הדרוש ד"ה היום הזה ה' אלקיך מצוך גו' אין לקו"ת (ווי דערמאנט פריער):

ער איז דארטן[221] מבאר דעם מאמר פון "נעשה אדם בצלמינו כדמותינו", אז "צלמינו" איז "בחי' עצמיות ומהות ממש", און "כדמותינו" איז שוין אן ענין פון "דמות וציור" וואס דאס איז ניט דער "עצם הדבר ומהותו", וואס דאס איז ע"ד דער הילוק צווישן "זה" און "כה".

און אין דעם אדם איז דאס דער חילוק צווישן דער נשמה מיטן גוף, די נפש האלקית מיט דער נפש הבהמית, עצם הנשמה און כחות הנפש.

און וויבאלד אז דער מאמר "נעשה אדם בצלמינו כדמותינו איז געזאגט געווארן בר"ה - איז פארשטאנדיק אז אויך אין ר"ה זיינען פאראן די צוויי בחינות פון "בצלמינו", "זה", און "כדמותינו", "כה".

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו "היום" ("אתם נצבים היום"). וואס "היום" איז בחי' "כה" (כנ"ל) - אז אויך דער ענין פון "היום" (אן דעם ווארט "הזה") איז דא

- אין -

---

219) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. 220) ספרי ופרש"י עה"פ שופטים שם. 221) מב, א ואילך.

שיחות קודש - תשמ ג / שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (עמוד 1085) 116115 הודפס מאוצר החכמה